# פּרשת באָלעק

## שלום בערגער

bergez01@popmail.med.nyu.edu

רש״י ברענגט אַ מדרש:

די מואָבֿער האָבן געהערט אַז דאָס פֿאָלק ישׂראל האָט באַזיגט זײַן פֿײַנט — ד״ה די עמורער — אויף אַן אויפֿן וואָס איז מחוץ מנהג העולם, אויסער דעם סדר פֿון דער וועלט. זײַנען זיי, די מואָבֿער, געגאַנגען צו די מדינער און געבעטן זיך: ״די ייִדן זײַנען אײַך באַקאַנט. אַנטדעקט אונדז דעם סוד פֿון זייער פֿירער, דעם משהן.״ האָבן זיי געזאָגט: ״כּחו בפּיו — זײַן כּוח ליגט בײַ אים אין מויל.״ האָבן די מואָבֿער באַשלאָסן נאָכצושיקן אַ שליח, וואָס אויך בײַ אים איז זײַן כּוח אין מויל: בלעם.

״זײַן כּוח ליגט בײַ אים אין מויל״: בלעם הרשע און להבֿדיל משה רבינו ווערן ביידע באַצייכנט מיט דער דאָזיקער אָפּשאַצונג. ס׳איז אָבער אַ גרויסער חילוק: ווי אַזוי קען דער זעלבער טאַלאַנט ליגן בײַ צוויי ווײַט פֿאַרשיידענע מענטשן? כּדי זיך צו דערגרונטעווען צום תּירוץ, דאַרפֿן מיר פֿאַרשטיין דעם טײַטש פֿון ״כּחו בפּיו״ אין די צוויי פּערזענלעכע קאָנטעקסטן פֿון בֿילאָמען און משהן.

משה רבינו און בלעם הרשע זײַנען זיי ביידע בטבֿע נישט קיין שווײַגער, נאָר זיי האָבן זיך אויסגעלערנט זייער ״מויל-מלאכה״ אויף פֿאַרשיידענע אופֿנים. משה איז אין אָנהייב געווען אַזאַ שטילער מענטש, צוליב זײַן גרויסן עניוות, נאָר גאָט ברוך-הוא האָט בײַ אים געפּועלט, ער זאָל ״נעמען די קוילן אין מויל״ (לויט אַ צווייטן באַוווסטן מדרש) און איבערגעבן דעם אייבערשטנס ווערטער דעם פֿאָלק ישׂראל. להיפּך בלעמען, וואָס האָט שוין ווײַזט אויס אַ שם פֿאַר זײַן ווערטער-כּוח: אָנהייב פּרשת בלק איז מען געגאַנגען גראָד צו אים נאָך אַן עפֿעקטיווער קללה — עפֿעקטיוו לויט די נאָרמען פֿון כּישוף. גאָר באַלד זעט מען, ווי ער וואַרפֿט זיך מיט ווערטער, וואָס זײַנען אַמאָל גאָר נישט צו דער זאַך: ״אפֿילו ווען בלק זאָל מיר געבן זײַן אייגן הויז פֿול מיט זילבער און גאָלד, וועל איך נישט קענען אַריבער דאָס וואָרט פֿון גאָט מײַן האַר צו טאָן קיין קליינע צי גרויסע זאַך.״ ער קען זיך נישט צוריקהאַלטן פֿון באַמבאַסטישקייט.

דאָס איז דאַכט זיך מיר דער הויפּטונטערשייד צווישן די ״מויל-כּוחות״ פֿון בלעמען און משהן: בלעם קען זיך נישט אָפּרעדן. וואָס מער ער רעדט, אַלץ טיפֿער באַגראָבט ער זיך אין אייגענעם גדלות. משה רבינו, וואָס האָט אַמאָל נישט געוואָלט רעדן בכלל, רעדט כּמעט ווי גאָרנישט אין דער הײַנטיקער פּרשה. והא-ראיה: כאָטש בלעמס נאָמען באַווײַזט זיך אין מקרא עטלעכע און צוואַנציק מאָל (כ׳האָב אייגנטלעך נישט געפֿירט דעם חשבון), געפֿינט מען דעם נאָמען פֿון משה רבינו קנאַפּע דרײַ מאָל. און נישט משה רבינו רעדט וועגן אייבערשטן, ווי ס׳טרעפֿט זיך בײַ בלעמען, נאָר פֿאַרקערט — דער אייבערשטער רעדט צו משהן דירעקט.

אַ משל: בלעם קען מען פֿאַרגלײַכן צו אַ וואַסערשלאַנג, וואָס ריזלט מיט וואַסער און וואַרפֿט זיך מזרח-מערבֿ מיט אַלע כּוחות. נאָר אַז דער ניצער פֿון וואַסערשלאַנג דעקט צו דעם פּיסק מיט גראָבן פֿינגער, קען ער גלײַך פֿאַרקערעווען דעם שלאַנג אין וואָס פֿאַראַ ריכטונג ער וויל, און אויף גרינג קאָנטראָלירן דעם וואַסערשטראָם. צוריקגערעדט קען מען משהן פֿאַרגלײַכן צו אַ פֿלייט: אַ כּלי אַ באַשיידענע, מיט קליינע לעכערלעך. מע האָט געהערט ווי אַ מענטש באַקומט אַרויס די שענסטע קלאַנגען פֿון דעם — נאָר אַז מע גייט אַליין צו, און נעמט שפּילן, איז דאָ אַ סורפּריז: ס׳איז טאַקע זייער שווער אַדורכצובלאָזן די קליינע לעכערלעך! נאָר אַ גרויסער מײַסטער, אַ קלעזמער שבקלעזמרים, קען באַווײַזן אַרויסצושפּילן אַ הימלשן ניגון פֿון אַזאַ שוועײַגערישער כּלי.

אָפֿטמאָל זאָגן מענטשן, אַז ״נבֿואה איז נאָר דאָס, וואָס גאָט ברוך-הוא פֿילט אויס אַ מענטש ווי אַ כּלי מיט זײַנע ווערטער.״ נישט אַזוי: ס׳ווענדט זיך אין מענטש, ווי ס׳ווענדט זיך אין דער כּלי. פֿאַר וואָס איז משה אונדזער גרעסטער נבֿיא און בלעם אַ רשע, כאָטש אַן אינספּירירטער? ווײַל בלעמען האָט הקדוש ברוך-הוא אויסגענוצט איינמאָל, ווי אַ פּלאַסטיק-טעלערל, און דערנאָך אַרויסגעוואָרפֿן. משה און גאָט האָבן געאַרבעט בשותּפֿות — דער האָט געדאַרפֿט צופּאַסן זײַנע כּוחות צו אייבערשטן, און דער כּבֿיכל האָט אויך געדאַרפֿט צופּאַסן זײַנע כּוחות צו זײַן כּלי.